Stelmakh, Anna.
Af dorem-Ural.

אנע סטעלמאכ

# אפ דאָרעמ־אוראל

דערציילונגענ

אָגיז
מעלוכע־פארלאג „דער עמעס“ מאָסקווע 1947

# אינהאלט

זײַט


א מאַשל־קאפאַשל . . . . . . . . . . . . . . . 3
איכ אונ כארעלע . . . . . . . . . . . . . . 31
דעמ זיידנס קינדער . . . . . . . . . . . . . . 68
א געמעל אפ א בעכער . . . . . . . . . . . . . 104
דער הונדערטסטער מעריזיאַג . . . . . . . . . . . 114
א מײַסע מיט א פארנייט הארצ . . . . . . . . . . 125
דער באשטעלער פונ אשטשע־בולאק . . . . . . . . . 178


---


Редактор *А. Фрумкин.* Техредактор *Ф. Фрумкина.*

Подписано к печати 20/X-47г. Б—03525. Об'ем 11¾ п. л., уч.-изд. л. 8,58.
Формат бумаги 82x108 1/32. Тир. 7000. Зак. 189. Цена 5р. 50к.

Типография Госиздательства „Дер Эмес". Москва, Старопанский, 1.

# דער הונדערטסטער מערידיאַנ

„פאַר מוסיענ זײַ רויק, — האָט שנעל געשריבנ קראַנבערג, — איר געזונט ווערט אַלצ בעסער אונ בעסער, אונ ביכלאַל איז איר צוקילונג א נאַרישע מײַסע. אינ אַלצ איז שולדיק די נײַ־יאָר־נאַכט. די נײַ־יאָר־נאַכט, א פאַרלאָרענער שוכ אונ — דער הונדערטסטער מערידיאַנ, אויב דו ווילסט וויסנ. נאָר דאָס אַלצ וועל איכ דיר באַשרײַבנ שפּעטער. אצינד זאָג מיר, טײַערע, ווענ קלײַבסטו זיכ אַהיימ? כ'האָב מוירע, אַז ביז דו וועסט קומענ, וועסטו שוינ זײַנ לעמאָל א באָבע, כ'האָב שיר ניט געזאָגט א זיידע''...

ס'איז געווענ שפּעט. דער זייגער האָט באַוויזנ האַלב צוויי, אינ פיר־פינפ שאָ ארומ האָט קראַנבערג געדאַרפט שוינ אופשטיינ צו דער אַרבעט. א זיסע מידקײַט האָט געצויגנ אימ אַנידערלייגנ זיכ באַקוועמער אפ דער קאַנאַפּע אונ אַנשלאָפנ ווערנ. נאָר ער האָט זיכ ניט דערלויבט עס טאָנ. ער האָט געמוזט ענדיקנ דעמ בריוו צו דער מאַמענ, וואָזוי סע זאָל דאָרט ניט זײַנ.

קראַנבערגס מוטער איז געווענ דער שטאָט־אַרכיטעקטאָר אפ דער בויונג פונ נאָוואָקאָמענסקער מעטאַלורגישנ קאָמבינאַט, ווו איר זונ האָט געאַרבעט אַלס אינזשעניער פונ א בוי־באַצירק. אצינד איז זי געווענ אינ א קאָמאַנדירונג אינ דער גרויסער דאָרעמ־אוראַלער געגנט־שטאָט אונ האָט אַלצ ניט געוווסט, ווענ וועט זי קאָנענ קומענ צוריק. זי האָט אָוועקגעפירט אַהינ אפ א קאָנקורס א פּראָיעקט פונ אַנ אינדיווידועלנ ווינ־הויז אונ האָט אַלצ ניט געקאָנט זיכ צוריקקערנ. אפנ אָרט האָט זיכ אַרויסגעוויזנ, אַז א סאַכ פאָדערונגענ זענענ אויס גאָר אַנדערש, ווי אפ דער בויונג האָט מענ זיכ עס פאָרגעשטעלט. אייניקע טיילנ האָט מענ געמוזט איבערפּראָיעקטירנ, אייניקע איבערצייכענענ, מאַכנ נײַע אופשריפטנ, אונ דאָס אַלצ האָט געפאָדערט צײַט אונ צײַט, אונ דאָ אינ דער היימ האָבנ די געשעפטנ

ניט געוואָרט: איר פאַרטרעטער, נאָכ א גאָר יונגער אַרכיטעקטאָר, האָט געפּלאָנטערט די איניאָנימ, געפירט זיכ ניט טאַקטיש אונ גע־בראַכט שאָדנ. מוסיע, איר יונגע שנור, האָט געדאַרפט אינגיכנ גע־בוירנ, איר יונגיטשקע טאָכטער האָט זיכ געמאַטערט מיט דער הויז־ווירטשאַפט — מיט איינ וואָרט, אַלצ האָט געפאָדערט, זי זאָל וואָס גיכער קומענ אהיימ.

קראַנבערג האָט זיכ פאָרגעשטעלט אפ א מינוט זיינ מאַמע, ווי זי גייט איבער די גאַסנ פונ דער גרויסער שטאָט, א הויכע, א ברייט־ביינערדיקע אינ א ווייסנ פויערשנ פעלצ, אינ גרויסע פוישטנ, מיט א פוטערנעמ מאַלאַכײַ אפנ קאָפּ. דער פראָסט איז גרויס, ארומ דער זונ שטייט א מוטערפּערלנער קרײַז, וואָס שמעלצט זיכ בא די זײַטנ פונ דער זונ אונ בילדעט אויס צוויי פאַלשע זונענ. צוליב וואַרעמ־קייט האָט די מאַמע אײַנגעצויגנ דעמ פעלצ מיט א ברייטנ רימענעמ פּאַס אונ דעמ פּאָרטפעל האָט זי איבערגעלאָזט אינ דער היימ, נאָר די גרויסע בעזשבנ־ווירע אינעמ טונקעלנ שיידל האָט זי גענומענ מיט זיכ אונ אַרײַנגערוקט זי אינ גאַרטל. איר גרויס פּאָנעמ איז רויט־צעפּלאַקערט פונ דער קעלט, אונ יעדער קנייטשעלע אפ דעמ איז ווי אונטערגעפירט מיט א בלויענ בלײַער. בייס זי גייט אזוי איבער דער גאַס, עטוואָס געבויגנ פונ דעמ פראָסט, מיטנ טונקעלנ שיידל אינעמ גאַרטל, די הענט אַרײַנגערוקט אינ די אַרבל, זעט זי אויס ווי אנ אַמאָליקער האָלצהעקער, וואָס איז געקומענ אינ דער גרויסער שטאָט אפ פאַרדינסטנ. אונ טאַקע, „זי האַקט האָלצ" — האָרעוועט גאַנצע טעג, אונ אז זי קומט אינ אָוונט אינ איר שיינ־אויסגעשטאַטנ קילב־לעכנ נאָמער פונעמ בעסטנ האָטעל, מוז זי זיצנ א שטיקל צײַט אומ־באַוועגלעכ, ביז די מידקײַט אונ קעלט וועלנ ארויס פונ איר, אונ סע וועט זיכ באַווײַזנ אנ אַפּעטיט צומ עסנ עפּעס.

קראַנבערגס מאַמע איז צו פרי געבליבנ אנ אַלמאָנע — זי איז א „ווילער יאַט", א „זעלטענער באָכער", ווי סע זאָגנ זײַנע כאַוויי־רימ. פונ קליינערהייט איז ער געוווינט זײַנ איר שטענדיקער כאַווער אינ אַלע אירע אונטערנעמונגענ, העלפנ איר אינ אַלצ, לייענענ מיט איר צוזאַמענ די זעלבע ביכלעכ אונ העלפנ איר דערציִענ דאָס קליינע שוועסטערל זײַנס. ער פילט שטענדיק אָפּשײַ פאַר איר גרויסער ענערגיע אונ אַרבעטספעיִקײַט אונ איינציִיקײַט — גרויסע צאַרטקײַט צו איר, דעריבער רופט ער זי מיט א סאַכ ליבע, צאַרטע ווערטער,

נאָר שטענדיק אינ מענערשנ מינ: „טײַערער”, „ליבינקער”, „געלינסער” — ווײַל זי האָט פּרעכטיקע געלע האָר — אונ אַפילע „בראַטוכאַ”. מאָרגנ איז פֿאַרשטעלנ זי זיכ, אַזאַ יונגע, אינ דער ראָל פֿונ אַ באָבע, אונ קראַנבערג רופֿט זי בעסער „זיידע”, אונ אַלע לאַכנ דערבײַ.

„וועגנ אונדזער נײַ־יאָר־באַגעגעניש, — שרײַבט קראַנבערג ווײַטער, — איז אַ ביזאָיענ צו דערציילנ, נאָר דיר איינער קאָנ איכ עס פֿאַרטרויענ. לײַט ווייסנ נאָכ ביז איצטער ניט דעם עמעס, אונ מיר קלײַבנ זיכ ניט דערציילנ זיי די מײַסע. פֿונדעסטוועגנ איז זי גאַנצ אינטערעסאַנט, אונ איכ וועל זי דיר באַלד באַשרײַבנ, נאָר ליענ מיט קאָפּ!

געקומענ בינ איכ דעם 31־טנ אַהיימ האַלב אַכט אַזייגער, אַ באַוואַקסענער, אַ דערפֿרוירענער, מיט אַ רויטער נאָז, מיט אַ פֿאַרבלאָזנ פּאָנעמ, ווי אַלע מיר אָפּ דער בוינונג. אָ, די לעצטע טעג פֿונ דער פּראָדוציר־פּראָגראַמ, ניט גרינג קומענ זיי אָנ! ווענ וועט עס זײַנ, אַז אַ באַצירק־אינזשעניער זאָל באַגעגענענ דאָס נײַע יאָר ניט אַ פֿאַרדולטער, ניט מיט אַ רויטער נאָז, ניט מיט באַקנ, צעשניטנ פֿונעמ אײַזיקנ גאָלנ זיכ? ווענ וועט עס זײַנ, ער זאָל ניט פֿאַרשיקערט ווערנ פֿונעמ ערשטנ גלעזל מאַשקע אונ אַפילע אָנ אַ גלעזל מאַשקע, נאָר פֿונ דער וואַרעמקײַט אונ רו! ערשט נאָכנ דרימנ־פּערטנ גלעזל ווערנ מיר אופֿגעמונטערט אונ פֿריילעכ, אונ דעמלט קאָנענ מיר הוליענ ביזנ ווײַסנ טאָג אַרײַנ, אָבער טבילעס גלוסט זיכ נאָר זיצנ, זיצנ, זיצנ אָנ קיינ שום באַוועגונג, שמועסנ פֿרײַנטלעכ מיט באַוויירימ, חויערנ שטיל אונ טרינקענ זיסע טיי מיט מילכ...

מיט איינ וואָרט, איכ בינ געקומענ אַהיימ האַלב אַכט אַזייגער. איטשיכנ זײַנענ געקומענ אירע מיט לעאָנידנ אונ די פּיאַדאַראָווס. מיר האָבנ זיכ אַלע געקליבנ צו די אָסטראָווסקיס. אַפּנ פֿענצטער זײַנענ שוינ געשטאַנענ עטלעכע פֿלעשלעכ „ווײַסער מאָסקווער” אונ „רויטער” אוראַלער, היגע פּראָדוקציע, פֿאַרפֿראַוועט, פֿאַרשטייט זיכ, מיט דער אומפֿאַרמײַדלעכער טשערעמוכע. מיר האָבנ געדאַרפֿט זיי מיטנעמענ מיט זיכ. דערווײַל האָבנ מיר פֿונעמ צימער געמאַכט אַ פֿאַריקמאַכערנײַ. מיר האָבנ אַלע גענומענ זיכ ראַזירנ, אונ די ווײַבער — זיפּ קרויזנ, אייגנטלעכ, נאָר אירע אונ פּיאַדאַראָווס ווײַב —

מוסיענ האָט מענ צוגעשיקט פונ מאָסקווע מעטאַלענע פּאַפּיליאָטקעס „ביגודי”, אונ זי גייט אינ זיי ארומ מעסלעסנוויז.

ערשט מיר הערנ — סע רעדט די ראַדיאָ. וואָס זשע רעדט מענ אינ ראַדיאָ? מע באַגריסט, וויַיזט זיכ ארויס, די באַפעלקערונג לויט די צייט־גאַרטלענ — יעדע שעה א נייעמ צייט־גאַרטל — מיטנ גליקלעכנ ניי־אָנגעקומענעמ יאָר. פּלוצעמ הערנ מיר: „א גרוס אייַכ, איינוווינער פונעמ הונדערטסטנ מערידיאַנ! א גרוס צומ נייעמ יאָר! פּאַליאַרניקעס אפ די וויַיטע אינדזלענ, יעגער אינ דער טייגע, גאָלדגרעבער אפ דער לענע, איינוווינער פונ דער בלוענדיקער שטאָט באַדייבאָ! נעמט אָנ א גרוס פונ אונדזער לאַנד אונ פונ אונדזער רעגירונג”...

איכ זע, אלע האָבנ זיכ פאַרטראַכט... אַכ, סיביר, סיביר! סיביר אונ מילכאָמע! אויכ דייַנ האַרצ קלאַפּט, גאָלינקער? איכ זע, פּיאַראַראַוו עפּנט א פלעשל... אונ מיר האָבנ אויסגעטרונקענ פאַרנ הונדערטסטנ מערידיאַנ אונ פאַר די יעגער פונ דער טייגע אונ פאַר דער וווילער גאָלדרייכער שטאָט באַדייבאָ... די צייט גייט דערוויַיל. מיר גאָלנ זיכ, אונ רייבנ זיכ, אונ וואַשנ זיכ, א שעה גייט אוועק, אונ מיר הערנ: „א גרוס אייַכ, איינוווינער פונ מיַירעוו־סיביר! שאַכטיאָרנ פונ קוזבאַס, אַרבעטער פונ מעטאַלורגישע זאַוואָדנ, באַפעלקערונג פונ אלטיַי אונ פונ דער וואַלדיקער באַרג־שאָריע...” נו, טייערינקער, דאָ האָבנ זיכ אונדז געשטעלט טרערנ אינ די אויגנ, ווי מיגאַסטאַמ בא דיר אַצינד, ביימ דו לייענסט די דאָזיקע שורעס, צי עפּשער האָסטו אליינ געהערט די דאָזיקע ווערטער אונ דעמלט האָט זיכ פאַרצאַפּלט בא דיר יעדער איינער... אַכ, דאָס ערשטע מילכאָמע־יאָר אינ מיַירעוו־סיביר! די בויונג פונעמ מיליטערישנ זאַוואָד, אונ מיר, צוויי וואַקורונטע ספּעציאַליסטנ — דו באַמ פּראָיעקטירנ אונ איבערפּראָיעקטירנ אונ צופּאַסנ צו די מילכאָמע־באַדינגונגענ פאַרשיידענע געביידעס, אונ איכ, א יונגער צוצעק, ערשט פונעמ אינסטיטוט בא אזא שווערער אומגעוויינלעכער פּראַקטיק! אָ, דער צוועלפטער צעכ מיט זיַינע בעטאָנ־זיַילנ! וויפל איכ וועל לעבנ, וועל איכ זיי ניט פאַרגעסנ... קיינמאָל האָט מענ ניט געקאָנט וויסנ, ווי מע האלט מיט זיי אינ די דאָרטיקע שרעקלעכע פרעסט: אָט, דאַכט זיכ, וואַרעמענ זיי זיכ, אונ דער בעטאָנ וועט באַלד אָנהייבנ גליווערנ, אונ אָט ווערנ זיי פאַרפראָרנ, אונ פונ אלצ ווערט אשפּע... מיר פלעגנ וואַרעמענ

זיי מיט עלעקטרע, אונ מיר זײַנענ געווענ גרייט וואַרעמענ זיי מיט אונדזערע אייגענע קליידער. ווי מע פלעגט דערציילנ וועגנ אנדערע בוידנעס, אונ דאַכ וויפל מאָל פלעגנ מיר דורכפאלנ, אונ וויפל מאָל פלעגנ מיר פונדעסטוועגנ זיגנ, וואָס ווײַטער אלצ אָפטער זיגנ...

נו.. דאָ האָבנ מיר אויסגעטרונקענ, טײַערער! ווער — פונעמ ווײַסנ, אונ ווער — פונעמ רויטנ, נאָר ניט מער ווי צו איינ גלעזעלע, מער האָבנ די ווײַבער ניט דערלויבט. מיר האָבנ אויסגעטרונקענ מיטאמאָל אי פאר מײַרעוור־סיביר, אי פאר קוזבאס, אי פאר אלטײַ, אי פאר דער ווײַטער בארג־שאָריע. געדענקסטו, טײַערער, דעמ בייזנ טײַכ טאָמ, דעמ בײַטײַכ פונ דער גרויסער אָב? געדענקסטו די הארבסט־געוויטערנ אפ דעמ דאָזיקנ טײַכ, ביים ער פלעגט בושעווענ לעבנ דער בויונג, אונ איינמאָל האָבנ מיר פלוצעמ דערזענ, ווי ער טראָגט מיט זיכ אָנ א שייר קלעצער, ברעטער, האָלצ אונ א לעבעריקע באַרזשע עפעס — אונ מיר האָבנ סאמע דעמלט געדאַרפט זיכ אריבערשיפנ איבערנ טײַכ — דאָס אלצ האָט אראָפגעוואַשנ דער טאָמ פונ דער ווײַטער שאָריע, פונ דאָרט, ווו ס'הייבנ זיכ אָנ די ביידע שטרעמונגענ זײַנע... מיט איינ וואָרט מיר האָבנ אויסגעטרונקענ אזייגער אכט מאָסקווער, אזייגער צענ היגע אוראלער צײַט.

אינ א שעה ארומ האָט מענ געדאַרפט באגריסנ אָמסקער געגנט, מיט וועלכער ס'איז בא אונדז אויכ פארבונדנ ניט ווייניק זיכרוינעס — א סאכ אונדזערע קאדרענ זײַנענ דאַכ פונ דאָרט, אונ פיאַדאָראָוו — דער ערשטער. נאָר די ווײַבער האָבנ געמאכט א גוואַלד, אז מיר זאָלנ שוינ גיינ, וואָרעמ אניט וועלנ מיר שוינ פארשפּאָרנ באגעגענענ דאָס נײַע יאָר אונ וועלנ אנשלאָפנ ווערנ פאר אלעמענ... אונ מיר האָבנ זיכ געלאָזט גיינ אינ די „נײַע קאָטעדזשנ“, ווו סע וווינט אָסטראָווסקי... איכ ווייס ניט, טײַערער, וואָס האָסטו געטראכט, ביים דו האָסט פראָיעקטירט דעמ דאָזיקנ קוואַרטאַל, וואָס איז אזוי אָפגעריסנ פונעמ שטעטל... זאָלסט כאָטש געווענ אימ מיט גוטע וועגנ באוואָרענענ... לעבער, גריבער אונ שניי־בערג, אונ די ברייטע טראַנשייע, וואָס דו האָסט זי צוגעדעקט מיט א בריקל קלויסטערשט, אונ אצינד איז דאָס בריקל באדעקט דורכויס מיט אײַז, אונ די פאַרענטשע הוידעט זיכ... דערנאָכ די באַנ־ליניע מיטנ הויכנ אָנשיט אפ איר. מיר האָבנ געקלעטערט אפ איר, האלטנדיק זיכ אלע פאר די הענט, ווי אלפּנ־גייער. קוים איבערגעקראָכנ, דערהער איכ

פלוצעם א גוואלד: מוסיע האָט פארלאָרן א שוך — א שווארצע זאמ־שענע טופליע (געדענקסט מינאסטאמ אירע יאָמטעוודיקע שיך) — פארלאָרן ניט פונעם פוס, פארשטייט זיך. ביסט אצינד א גרויס־שטעטיקע מאדאמ און קערסט געוויס ניט געדענקען, אז בא אונדז גייען די פרויען אָפ באלן אין וואָליקעס, און די שיך טראָגן זיי אין די הענט, פארוויקלט אין א גאזעט. מוסיע האָט פון די הענט פארלאָרן א שוך, און מיר האָבן געהאט צו זינגען און צו זאָגן... צוערשט האָבן מיר געזוכט לעבן זיך, דערנאָך האָבן מיר דערזען — ס'איז א פוסטע מעיסע — מע מוז קריכן איבער דער ליניע... ביז מיר האָבן געפונען דעם שוך, האָט מוסיע זיך צוגעקילט... מער איז ניט קעדײַ צו ריידן, אבי זי איז אצינד געזונט. נאָר דערצייל אונדז, ליבינקער — וויאזוי האָסטו באגעגנט דאָס נײַע יאָר?".

קראָנבערג הערט אוף שרײַבן און פארטראכט זיך וועגן דער מאמען, וויאזוי האָט זי געקאָנט באגעגענען דאָס נײַע יאָר. דאָס איז אים ניט שווער פאָרצושטעלן זיך, ווײַל די מאמע, מיט איר ענער־גישער נאטור, האָט אים שוין ניט איין מאָל באשריבן איר זײַן דאָרט אין געגנט־צענטער אפילע גענוי — איר שכיינע פון האָטעל־צימער, די לערערן. און ער זעט פאר זיך קלאָר, ווי די מאמע זיצט בא דער ארבעט דעם 31־טן אין איינעם פון די אנשטאלטן אין דער געגנט־שטאָט. דער פראָסט איז גרויס. די זון שטייט צווישן צוויי רעגנ־בויגנס, אויסגעבויגענע ווי צוויי שוואך־באפארבטע קלאמערן. די מאמע אײַלט זיך: זי בעזשבנט, זי צייכנט, זי מאָלט. איר גלוסט זיך פארענדיקן ביז זון־פארגאנג, נאָר די זון נידערט אלץ טיפער און טיפער. זי שטייט, א פײַערדיקער קײַלעך, באם סאמע האָריזאָנט, און וואָס רויטער זי ווערט, אלץ געדיכטער גיסן זיך אָן די צוויי קלאמערן מיט טיפע רעגנבויגן־פארבן: רויט, און געל, און גרין, און בלוי, און פיאָלעט־קאָליר... סאָפקאָלסאָפ גייט די מאמע ארויס, די ווירע ארײַנגערוקט אין גארטל. זי גייט עטוואָס געבויגן אין איר ענג־פארצויגענעם פויערשן פעלץ, ווי א האָלצהעקער, וואָס האָט געטרײַ אָפגעארבעט זײַן טאָג. די זון איז פארגאנגען, און איבערן הימל ציט זיך א שמאָלע שארפע בלוט־רויטע שווערד — דער לעצ־טער אָפשײַן פון דער זון. די מוטער אײַלט זיך... אין האָטעל איז יאָמטעוודיק, ליכטיק, און עס שמעקט מיט סאָסנע, אָפ דער ערד וואלגערן זיך גרינע נאָדלען — אָפּאָנעם, אז מע פוצט ערגעץ א

יאַלקע. די מאַמע גייט אַרײַנ אינ איר שיינ אויסגעשטאַטנ גרויסנ
קילבלעכנ צימער אונ בלײַבט זיצנ אַפ אַ בענקל. די מידקײַט אונ
די קעלט גייענ אַרויס פונ איר, ביז סע קומט דער אַפעטיט אונ מיט
אים פאַרשיידענע היימישע געדאַנקענ. זי עסט דערנאָכ אַליינ וועט-
טשערע אונ טראַכט, ווו זאָל זי באַגעגענענ דאָס נײַ־יאָר. מע האָט זי
אײַנגעלאַדנ אינ פאַרבאַנד פונ די אַרכיטעקטאָרס אונ אינ קלוב פונ
די בויער, ווו זי האָט ווייניקער באַקאַנטע, נאָר סע שטעלט זי אַפ
דער טואַלעט: זי איז געווינט טראָגנ אָנגעטערנ קלייד וואַרעמע מע-
נערשע הויזנ, וואַטנע ספּעצ־פּלודערנ, אומפאַרמײַדלעכע פאַר יעדנ
בויער, נאָר וואָס פאַר אַנ אויסזענ האָט אַפ זיי אַ דינ ווײַבערש
קלייד! אונ אויסטאָנ זיי איז געפערלעכ_אינ אַזאַ פראָסט — זי איז
שוינ צופיל געוווינט צו זיי. אונ דאָס קלייד גופא! די בופנ זײַנענ
הויכ ביז די אויערנ — אַזעלכע גייט מענ שוינ ניט הײַנט, פונ אָנהייב
מילכאָמע האָט זי זיכ ניט גענייט נאָכ קיינ רעכט קלייד. אינ אַזאַ
טואַלעט, ווי אירער, קאָנ מענ ניט גיינ אַפ אָוונטנ, נאָר וווהינ זשע
גייט מענ פונדעסטוועגנ?

פלוצעמ דערהערט זיכ אַ קלאַפ אינ טיר. ס׳קומט אַרײַנ אַ באַקאַנ-
טע פרוי פונעמ שכיינעסדיקנ נומער — אַ לערערקע פונעמ ראַיאָנ,
וואָס זיצט דאָ אַפ אַ קאָנפערענצ פונ קלאַסנ־אָנפירער. די מאַמע
האָט זיכ באַפרײַנדעט מיט איר דאָ אינ האָטעל. זי איז אויכ אַ הויכע,
אַ ברייט־ביינערדיקע, אינ אַ פויערשנ ווײַסנ פעלצ. זי טראָגט קײַלעכ-
דיקע ברילנ אינ דיקע שוואַרצע רעמעלעכ. זי האַלט אינ דער האַנט
צוויי טעאַטער־בילעטנ אונ לייגט פאַר אייגעמ דער מאַמענ.

די מאַמע לעבט אופ. אָט דאָס איז דאָס סאַמע געוווּנטשענע פאַר
זיי ביידנ. צווישנ פרעמדע מענטשנ איז נישקאָשע גיינ ערגער אָנ-
געטאָנ, אונ די פרעמדע זײַנענ דאָכ אויכ ניט אינגאַנצנ פרעמד, אונ
סע דאַרפ זײַנ זייער ווויל באַגעגענענ מיט זיי צוזאַמענ דאָס נײַע יאָר.
הײַנט די פאָרשטעלונג גופא! אונ ביידע קוקנ צופרידנ איינע אַפ דער
אַנדערער.

זיי גייענ אַרויס אַפ די פראָסטיקע גאַסנ. אינ טראַמוויי שלע-
פערט זיי פונ דער וואַרעמער ענגשאַפט. נאָר דער טעאַטער איז
נאָענט, אונ זיי זיצנ אײַנגיכנ אינ די מיטלסטע רייענ אינ זייערע
הויכע בופנ אונ ענגע קליידער (די הויזנ האָבנ זיי ניט אַראָפגענו-
מענ) אונ האַלטנ אינ איינ אויסרעכענענ, וויפל זײַנענ זיי שוינ ניט

געוועו אין אן עמעסנס טעאטער. זיי איז זייער פרייליך. נאָך די לאַנגע כאַראָשים און יאָרן אין די פּאַרוואָרפענע יִשוּווים זעט זיי אַלץ אויס נײַ און פריש און וווּנדערשיין: די געבײַדע, דער אוילעם, די אַרטיסטן... זיי נעמען אויף די פּאָרשטעלונג „ווי דער ערשטער שנײַדער אויף דער וועלט" — זאָגט די מאַמע. אין די אַנטראַקטן היטן זיי זיך לאַנג אַרומגיין, מע זאָל ניט זען די הויזן. און זעצן זיך אַוועק באַם טישל און בעטן זיך דערלאַנגען זיסע זאַכן. עפּעס אַ שלאַק מיט לאַנגע וואָנצעס, אַפּאָנעם אַן אײַזנבאַנער, טשעפּעט זיך צו צו זיי, זעצט זיך אַוועק באַם זעלבן טישל און האַקט אַ כאָכמע נאָך אַ כאָכמע — אַפּאָנעם אַ פּיק געטאָן שוין גאַנץ געשמאַק צום נײַעם יאָר... די צוויי פרויען ווערט אַלץ פרייליכער און פרייליכער. אין צווייטן אַקט, ווו סע קומט צו אַ טראַגישער סיטואַציע, לאָזן זיי אַ טרער, ווײַל זיי פילן אַלץ טיף און לעבעדיק. נאָר אײַנגיכן לאָזט זיך אויס די סיטואַציע אויף אַ גליקלעכסטן אויפן, און זיי לעבן ווי־דער אויף. נאָר אייך זאָך קימערט זיי. עפּעס גייט די האַנדלונג זייער שנעל. שוין זשע פאַרמאַגט די פּיעסע נאָר דרײַ אַקטן? וואָס זשע וועט זײַן מיט דער באַגעגעניש פונעם נײַ־יאָר? ס'איז דאָך ניט מער ווי צען אַזייגער — וועט מען ענדיקן פאַר צוועלף? וווהין זשע וועט זיך אַהינטאָן דער אוילעם, ווו וועט מען באַגעגענען דאָס נײַע יאָר?

ביים צווייטן אַנטראַקט פאַרגייען זיי טיף אין קאָרידאָר, קעדיי איבערלייענען די אַפישע — עפּשער איז דאָרט אָנגעשריבן, אַז נאָכן ספּעקטאַקל וועט זײַן אַ „פאַרשיידנאַרטיקער דיווערטיסמענט", נאָר ניין — אויף דער אַפישע איז גאָרנישט ניט אָנגעשריבן.

צום סאָף פון דריטן אַקט ווערט די שטימונג בא די פרויען אַ סאַך ערגער, האָגאַם אין דער פּיעסע גייען די געשעפטן דאַפקע גוט. און ביים דער אוילעם באַגריסט מיט אַפּלאָדיסמענטן דעם גליקלעכן סאָף פון דער פּיעסע און די שיינע שפּיל פון די אַרטיסטן, גיבן זיי נאָר אַ פּאָר מאָל אַ פּאַטש מיט די רויטע פון פראָסט און ווינט שאַרסטקע געוואָרענע הענט און בלײַבן אומבאַוועגלעך שטיין, ניט קוקנדיק אײַנע אויף דער צווייטער...

זיי גייען אַרויס פונעם טעאַטער האַלב צוועלף און ווייסן ניט וווהין גיין ווײַטער. אויף די גאַסן איז קאַלט און ליידיק. זעלטן־וווען לויפט דורך אַ מענטש אָדער סע רוישט דורך אַ פרייליכע פאַרשפּע-

טיקטע קאָמפּאַניע. זיי אײַלנ זיכ אינ די הײַזער, וואָס שײַנענ איצט מיט רויטע, ראָזע אונ געלע אַבאַזשורנ. דאָרט איז ליכטיק אונ וואַרעמ, פריילעכ אונ געמיטלעכ. אונ אינ גאַס איז קאַלט אונ איינזאַמ, אונ סע שײַנענ אינ די סקווערנ די קאַלטע, פאַרשלאָפענע, העל־באַלויכטענע „יאָלקעס“. א פראָסטיקער נעפל ציט זיכ איבער זיי, ווי זילבערנ שפינוועבס, אונ זיי וויגנ זיכ שטיל־שטיל אונ שלעפערנ אײַנ אָפ זייערע צווײַגנ די קליינינקע ליאַלקעס אונ פוביקע העזעלעכ. א קעלט שטעכט דורכ די לײַבער פונ ביידע פרויענ, נאָר פלוצעמ דערהערנ זיי א קאָל איבער זיכ:

— א נײַ גליקלעכ יאָר אײַכ, אײַנוווינער פונ אוראַל! מעטאַלורגנ, מעטאַל־אַרבעטער, מאַשינבויער! אַרבעטער פונ זאַוואָדנ אינ בויונגענ פונ נײַע שטעט אונ דערפער! א ווונטש פאַר נײַער פרוכטבאַרער אַרבעט! א גרוס פונעמ גאַנצנ לאַנד!

זיי קוקנ איינע אָפ דער אַנדערער אונ פאַרשטייענ: דאָס באַגריסט זיי דורכנ ראַדיאָ די רעגירונג. זי האָט אינ זינענ אַלע, וואָס געפינענ זיכ איצט אָפ אוראַל: די, וואָס פאַרברענגענ איצט אינ א פריילעכער קאָמפּאַניע, אונ די, וואָס שטייענ בײַ א נייטיקער אַרבעט פונ א צעכ, אונ די, וואָס זײַנענ אינ גאַס, אונ די, וואָס זײַנענ אינ דער היימ, אונ פונעמ וואַרעמע: פרײַנטלעכנ קאָל דערפילנ ביידע פרויענ, ווי דינע פײַערדיקע שפיזלעכ הייבנ אָנ שטראַלנ פונ זייערע אויגנ. די ליפנ אונ באַקנ הייבנ בײַ זיי אָנ שטעכנ, אינ האַרצנ ווערט ענג, אונ א קײַלעכדיקע טרער שטעלט זיכ אָפ אינעמ גריבעלע פונעמ אויג אונ שטייט, קײַקלט זיכ ניט אַראָפ, דערפאַר טאַקע שטראַלנ אַזוי די אויגנ, אונ פול מיט געפיל פונ פרייד אונ דאַנקבאַרקײַט, דערלאַנגענ זיי זיכ ביידע די הענט אונ צעקושנ זיכ האַרציק אינמיטנ גאַס.

— הוליענ איז הוליענ, — זאָגט דערמלט די מאַמע, — נאָכ צו פרי גייענ אַהיימ. קומט, לאָמיר גייענ צו די אַרכיטעקטאָרס.

— ווי איז דאָס מעגלעכ, — צווייפלט די לערערקע, — אינ אַזעלכע בופנ? אונ די הויזנ?

נאָר די מאַמע וויל גאָרנישט ניט הערנ:

— מירנ פאַרקריכנ אינ א ווינקעלע, אונ קיינער וועט ניט זענ. איבער דער גאַס פליט דורכ א פורמאַנ מיט א שליטעלע. דאָס לייזט די פראַגע.

— איי, איזוואָזטשיק! — שרײַט די מאַמע איבער דער ווײַסער אָנגעפּרוּוירענער גאַס.

— יעסט, — ענטפערט פריילעך דער פורמאַן, — אַ גוט יאָר אײַך, בירגערנס!

און זיי זעצן זיך אַרײַן אין שליטעלע און פליִען פאַרבײַ די שלאָפנדיקע, העל־באַלויכטענע „יאַלקעס", פאַרבײַ די הײַזער מיט רויטע, ראָזע אַבאַזשורן, און אַ פרעכטיק געפיל פון ערעוו־פרייד נעמט זיי אַרום, אַ געפיל, וואָס איז נאָך טײַערער ווי די פרייד אַליין...

---

קראָנבערג קומט צו זיך. ער איז קימאַט אַנדרעמלט געוואָרן איבער דעם בריוו, און ער מוז דאָך אים ענדיקן. ניט מאָרגן, ניט איבער־מאָרגן וועט ער דערויף קיין צײַט ניט האָבן, און די מאַמע וועט אַרומגיין דאָרט אומרויִק און וועט ניט קאָנען אַרבעטן. ער באַשליסט אַרויסגיין אין דרויסן זיך דערפרישן. ער גייט אַרויס פאָרזיכטיק און שטיל, קעדיי ניט וועקן מוסיען. זי אָטעמט שטיל און רויִק. אין עטלעכע טעג אַרום וועט זי אים געבוירן אַ קינד.

אין דרויסן איז אַ סאַך וואַרעמער, ווי באַטאָג, און סע דאַכט זיך, אַז די וואַרעמקײַט גייט פון דער לעוואָנע. זי שטייט אינמיטן הימל אַ קליינינקע, אַ זילבערנע, אַ היימישע, אָן רעגנבויגנס, אָן פאַלשע לעוואָנעס אַרום זיך. זי איז ענלעך אויף דער מעדאַל „פאַר געוואַגטקײַט". און טאַקע, ס'קומט איר אַ לויב פאַר אַזאַ העלער קימאַט באַטאָגעדיקער שײַן, באַ אַזאַ קליינעם פאַרנעם אירן, און פאַרן געוואַגטן פרירן אויפן פראָסט. זי באַשײַנט טרײַ און איבערגעגעבן דעם גאַנצן שעטעך פון דער בויונג, און מענטשן אַרבעטן אומגעשטערט אין איר שײַן, ווי באַטאָג. די באַנאַכטיקע וואַכטעס פילן אויס מיט דערפאָלג זייערע נאָרמעס, די בליצן פון דער עלעקטראָשווייסונג שאַטן ניט צו די אויגן.

אַ מאַשיניסט רוקט זיך אַרויס פונעם לאָקאָמאָטיוו פון דעם ערשט אָנקומענדיקן צוג און באַגריסט אַלעמען. ער, דער מאַשיניסט, איז שוין לאַנג ניט געווען אין דער היים, און אַצינד דערקענט ער אין דער הערלעכער שײַן די ליבע און די טײַערע פרײַנט זײַנע און טוט אויס מיט פרייד זײַן היטל אויפן פראָסט. אויפן האָריזאָנט שיט מיט פונקען דער מעכאַנישער זאַוואָד, וואָס קראָנבערג האָט

אײנײנעם מיט אַנדערע אױסגעבױט און װאָס אַצינד מאַנטירט ער אים שױן. אינגיכן װעט דער זאַװאָד אַװעק אין עקספּלואַטאַציע, אינגיכן װעט קראַנבערג װערן אַ טאַטע, אינגיכן — װאָס נאָך? און קראַנבערגס האַרץ װערט פול מיטן געפיל פון ערעװ פרײד, װאָס איז נאָך טײַערער פון דער פרײד אַלײן...

ער גײט אַרײַן אין שטוב און ענדיקט דעם בריװ צו דער מאַמען:

„כ'האָב אַט ערשט געדרעמלט, און מיר האָט זיך געכאָלעמט, אַז דו האָסט באַגעגנט נײַ־יאָר אין גאַס. איך װײס, אַז װו דו זאָלסט ניט באַגעגענען — אין גאַס, אין קלוב, צי הי, צי אַפן הונדערטסטן מערידיאַן, װעסטו אומעטום זײַן אַ װײלער יאַט, נאָר אױב סע װעט דיר אױספאַלן אַמאָל אַ מינוט פון אײנזאַמקײַט און אומעט — אין לעבן טרעפט זיך אַלץ, מיר זײַנען דערװײַל נאָך ניט גאַראַנטירט — װײס איך אױך, אַז שטענדיק װעט זיך דערהערן לעבן דיר אַ קאָל פון פרײַנטשאַפט און פון מוט, און פון דער לײד װעט װערן אַ פרײד. דו פאַרשטײסט ניט אינגאַנצן מײַנע װערטער, װילסט װיסן גענױער זײער באַטײַט? איז קום צו פאָרן װאָס גיכער, װעל איך דיר דערצײלן. אַגעװ װעסטו װערן אַ באָבע, כ'האָב שיר ניט געזאָגט — אַ זײדע. װאָס גײט דיר דען אָפ?..״

און מיט אַ צעהעלטן שמײכלענדיקן פּנים גײט קראַנבערג שלאָפן.